**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט פארקס אפיס, ניאגרא פאָלס, פאראייניגטע שטאטן צו ארייננעמען NASA פאר ליקוי חמה געשעענישן**

***אפריל 2024'ס פולשטענדיגע ליקוי חמה ערווארטעט צו צוציהען טויזנטער צו די שטאט***

***קומענדיגע פולשטענדיגע ליקוי חמה וועט נישט געזעהן ווערן נאכאמאל אין די הויפט טרוקעניש פון די פאראייניגטע שטאטן ביז אוגוסט 23, 2044***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) צוזאמען מיט נאך עטליכע טוריזם-פארמישטע קערפערשאפטן אין ניאגרא פאָלס, ניו יארק, וועלן ארבעטן צוזאמען מיט די נאציאנאלע לופט און חלל אדמיניסטראציע ( National Aeronautics and Space Administration, NASA) צו אפהאלטן פראגראמען און ספעציעלע געשעענישן ארום די פולשטענדיגע ליקוי חמה וואס וועט פארקומען אום אפריל 8, 2024.

"ניאגרא פאָלס איז אן אטעם-פארכאפנדע נאטורליכע הונטערגרונט פאר די געשעעניש וואס געשעהט אמאל אין א יובל, און דאס ארבעטן מיט NASA צו אפהאלטן די פראגראמען און אויפקלערונג אין די טעג בעפאר די ליקוי חמה וועט זיכער צוציהען טויזנטע ניו יארקער און באזיכער צו די שטאט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען באגייסטערט צו ארבעטן מיט אזויפיל פון אונזערע טוריזם שותפים צו אויפטרייבן עקסטאז אריבער די ראיאן פאר די הימלישע וואונדער."

**NASA אסאָוסיעט אדמיניסטראטארין פאר וויסנשאפט, ניקאלע פאקס, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זיין אין ניו יארק צו אריינציהען און אויפקלערן ניאגרא פאָלס און ארומיגע קאמיוניטיס איבער די פולשטענדיגע ליקוי חמה. מיר האפן אז די געשעענישן, צוזאמען מיט אלע אונזערע ליקוי חמה אקטיוויטעטן אריבער דאס לאנד, וועלן אינספירירן און ערמוטיגן די קומענדיגע דור – די דור פון 'ארטעמיס' – פון אנטדעקער, וויסנשאפטלער און אינדזשענירן."

אנגעהויבן פון אפריל 4, 2024, וועלן וויסנשאפטלער, עקספערטן אין דעם נושא און אסטראנאטן פון NASA אפהאלטן פראגראמען און אויסשטעלונגען אריבער די שטאט ביי לאקאציעס אריינרעכענענדיג די ניאגארא פאָלס פובליק לייברעריס, די Underground Railroad Heritage Center, די אקוואריום פון ניאגארא, די ניו יארק פאווער אויטאריטעט Power Vista, די Niagara Falls Culinary Institute און ניאגרא פאָלס סטעיט פארק. אלע געשעענישן וועלן זיין אומזיסט און אפן פאר די פובליקום (רעזערוואציעס וועלן מעגליך פארלאנגט ווערן, געוואנדן אויף וויפיל פלאץ עס וועט זיין) דורכאויס די גאנצע סוף וואך בעפאר די אפריל 8 געשעעניש. NASA וועט אפהאלטן ענליכע געשעענישן אין עטליכע אנדערע שטעט אריבער די שטרייף פון לאנד וואו די ליקוי חמה וועט זיין פולשטענדיג.

א צאל פון סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן האבן צוזאמגעשטעלט אן איינהייט מיט שותפים אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג צו פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער און באזיכער פאר די געשעעניש. די צוזאמענארבעט טוט שטודירן די אנגרייטונגען, נאכפאלגנדע שריט און רעקאמענדאציעס פון סטעיטס און לאקאלע רעגירונגען וועלכע האבן זיך געפונען אין די שטרייף פון לאנד וואו די ליקוי חמה פון אוגוסט 2017 איז געווען פולשטענדיג. אנדערע אונטערנעמונגען וואס זענען אונטערוועגס רעכענען אריין קאמוניקאציע און אפעראציעס, טראפיק קאנטראל און פלאנירונג, מארקעטינג און אויפקלערונג. פאר די ליקוי חמה און די אנגרייטונגען וועט ניו יארק סטעיט אנהאלטן איר ראלע פון לאגיסטישע שטיצע צוזאמען מיטן פארוואלטן אויף אירע אייגענע פארמערגנס ווי פארקס און שאסייען. אין יולי האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז געוויסע [סטעיט פארק קעמפּינג שטחים וועלן זיך עפענען צו אקאמאדירן באזיכער](#) פאר די הימלישע געשעעניש; אלע פון די פלעצער זענען שוין יעצט פול. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי צו באקומען די בעסטע ערפארונג מיט די ליקוי חמה אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג פארגעשלאגענע פלעצער פון וואו צו קוקן, פלאנירטע געשעענישן און וויכטיגע זיכערהייט אינפארמאציע, באזוכט [www.iloveny.com/eclipse](http://www.iloveny.com/eclipse) נאך היינט.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "מיר פלאנירן שוין פאר די געשעעניש פאר אפאר יאר, און אין אונזערע ווילדסטע חלומות וואלטן מיר זיך נישט געקענט פארשטעלן אז מיר וועלן קענען ארבעטן מיט NASA צו גיבן די געוואלדיגע ערפארונג. מיר ווייסן אז מענטשן וועלן קומען אין די מאסן צו די שטאט און פארק צו אנטיילנעמען אין אלע געשעענישן אין די טעג פאר דעם גרויסן מאמענט."

**Destination Niagara פרעזידענט און CEO, דזשאן פערסי, האט געזאגט** "די נאטורליכע שיינקייט פון ניאגרא פאָלס סטעיט פארק און די אומגעגנט גיבט פילע אייגנארטיגע פלעצער פון וואו צו ארויסקוקן פאר באזיכער צו באקומען די ערפארונג פון די פולשטענדיגע ליקוי חמה. די צוגעלייגטע פראגראמען וואס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך NASA מאכן באמת ניאגרא פאָלס USA פאר די בעסטע פלאץ פון וואו צו זעהן די נאטורליכע ערשיינונג."

**סטעיט סענאטאר ראב ארט האט געזאגט,** "א פולשטענדיגע ליקוי חמה איז א זעלטענע, באגייסטערנדע געשעעניש, און די פאקט אז מערב ניו יארק געפונט זיך אין די צענטער פון איינס קומענדיגע יאר און אז NASA ווינשאפטלער גייען אפהאלטן ספעציעלע געשעענישן און פראגראמען און אונזער געגנט וועלן זיין עטליכע אומפארגעסליכע איבערלעבענישן, אין צוגאב צום גיבן א גאר-נויטיגע שטופ פאר די ניאגרא פאָלס עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגלידערין ענדזשעלאָ מארינעלאָ האט געזאגט,** "דאס האבן NASA קומענדיג צו ניאגרא פאָלס פאר די געשעעניש וואס געשעהט אמאל אין א יובל איז באגייסטערנד, און עס וועט זיכער דינען צו באַרייכערן די ערפארונג פון די ליקוי חמה. מיר ווייסן אז מענטשן וועלן קומען צו ניאגרא פאָלס פון איבעראל, און עס וועט זיין וואונדערבאר צו קענען ערגענצן זייער באזוך מיט די פראגראמען וואס וועלן אפגעהאלטן ווערן."

**ניאגרא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטאינאָו האט געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו זיין איינס פון די שטעט וואס וועלן זיך אנשליסן מיט NASA ביים זעהן די אטעם-פארכאפנדע נאטורליכע וואונדער... א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען אז ניו יארק סטעיט, די היים צו ניו יארק סטעיט'ס נאטורליכע וואונדער, איז די בעסטע לאקאציע דערפאר."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס מערב ניו יארק ראיאנישע מענעדזשער, האַיראָ פלארעז, האט געזאגט,** "אלס אן אומזיסטע, עפנטליכע פארוויילונג און אויפקלערונג איניציאטיוו ביי NASA'ס לעצטע דעזיגנירטע "זון פלעק" בעפאר די ליקוי חמה רוקט זיך אריין אין קאנאדע, קוקט די ניו יארק פאווער

אויטאריטעט'ס ניאגרא Power Vista ארויס צו אירע צוזאמענארבעטנדע פראגראמען מיט NASA און מיט די NYS פארקס אפיס צו שטיצן די אייגנארטיגע באטראכטונג און אויפקלערונג געלעגנהייט."

**ניאגרא קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט, וויליאם מוראביטאָו, האט געזאגט,** "ניאגרא קאונטי קאמיוניטי קאלעדזש איז באגייסטערט צו אויפנעמען NASA פאר דאס וואס וועט זיכער זיין אן אייגנארטיגע געשעעניש דא אין מערב ניו יארק. אנטדעקונג, פאנטאזיע און וויסנשאפט זענען די יסוד פון די קלאסן וואס מיר האבן ביי אונזער Niagara Falls Culinary Institute, מאכנדיג דאס פאר א פאסיגע פלאץ פאר די שותפות. מיר קוקן ארויס צו ברענגען פראגראמען ארום די ליקוי חמה קומענדיגע אפריל צו די מערסטע פארזאמלטע וואס איז נאר מעגליך."

ניאגרא פאָלס וועט זעהן די אנהויב פון די ליקוי חמה אום 2:04 נאכמיטאג, מיט די פולשטענדיגע ליקוי זיך אנהויבנדיג אום 3:18 נאכמיטאג, אנהאלטנדיג פאר 3 מינוט און 31 סעקונדעס. די ליקוי חמה וועט זיך ענדיגן אום 4:31 נאכמיטאג.

ניאגרא פאָלס פראגראמען איינצלהייטן וועלן פארעפנטליכט ווערן אזוי ווי זיי אנטוויקלען זיך אויף [https://www.niagarafallsusa.com/2024-solar-eclipse](https://www.niagarafallsusa.com/2024-solar-eclipse).

פאר אינפארמאציע איבער געשעענישן וואס קומען פאר אריבער ניו יארק סטעיט, באזוכט [https://www.iloveny.com/events/eclipse-2024/](https://www.iloveny.com/events/eclipse-2024/)

פאר מער אינפארמאציע איבער די וויסנשאפט פון די ליקוי חמה, זעהט [https://solarsystem.nasa.gov/eclipses/2024/apr-8-total/overview/](https://solarsystem.nasa.gov/eclipses/2024/apr-8-total/overview/)

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אויסשרייבן